בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# קוּנְטְרֵס
# ס'לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְש וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים וָואס גֵייט אִים דוּרְךְ אִין לֶעבְּן.

אוֹיךְ וֶוערְט דָא עֶרְקְלֶערְט וִוי שְׁטַארְק מֶען בַּארִימְט זִיךְ אִין הִימְל מִיט אֵיינֶער וָואס בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ אִין זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן. אוּן אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אוּן מַאכְט אַוַודַאי נִישְׁט קַיין סוֹף צוּ זַיין לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "לָמָּה לְהִתְאַבֵּד" פוּן

**כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע**

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.


אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת

**דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב**

**עִיר הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# ס׳לוינט זיך צו לעבן

## א

מַיינֶע טַייעֶרע זוּן אוּן טֶעכְטֶער! אִיר דַארְפְּט וויסְן, אַז דִי לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְש דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, אַ מֶענְטְש גֶעפוּנְט זִיךְ דָא אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס וַוארְט אִים אָפּ אִין לֶעבְּן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט וָואס עֶס גֵייט גֶעשֶׁען מִיט אִים אִין לֶעבְּן.

מְ׳זֶעט אַסַאךְ מָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס סְ׳זֶעהְט אוֹיס אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְזִיכֶערְט אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט בְּרֵייט פַּרְנָסָה, זֶעט מֶען אָבֶער צוּמָאל ווִי פְּלוּצְלִינְג אִיבֶּערְנַאכְט פַארְלִירְט עֶר אַלֶעס אוּן בְּלַייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט. אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט מֶען פַארְקֶערְט אַ בִּיטֶערֶער אָרֶעמַאן וָואס הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט אַדוּרְךְ צוּ שְׁטוּפְּן דֶעם טָאג, וֶוערְט אִיבֶּערְנַאכְט אַן עוֹשֶׁר.

דָאס זֶעלְבֶּע קֶען מֶען זֶען בַּיי אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְש וָואס עֶס פֶּעלְט אִים גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז שְׁטַארְק אוּן פֶּעסְט, אַ גִיבּוֹר עָצוּם, אַז עֶר מֵיינְט עֶר גֵייט לֶעבְן דָא אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן פְּלוּצְלִינְג פוּן אֵיין טָאג צוּם אַנְדֶערְן וֶוערְט עֶר רַחֲמָנָא לִיצְלָן קְרַאנְק מִיט אַ שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה, דִי דָאקְטוֹרִים גֶעבְן אוֹיף הָאפְּעֶנוּנְג אוֹיף אִים, עֶר לַיידְט בִּיטֶערֶע שְׁמֶערְצְן אוּן וֵוייטָאגְן פוּן זַיינֶע בִּיטֶערֶע קְרֶענְק, מַמָּשׁ עֶר וַואלְגֶערְט זִיךְ פוּן יִסוּרִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

פַּארְקֶערְט אוֹיךְ, זֶעט מֶען אַ מֶענְטְש פוּל מִיט שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים, בִּיטֶערֶע שְׁמֶערְצְן אוּן וֵוייטָאגְן, אַ חוֹלֶה מְסוּכָּן, וָואס אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְן אוֹיף אִים, אוּן זֵיי זָאגְן אַלֶע אֵיינִיג, אַז דֶער מֶענְטְש הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין הָאפְּעֶנוּנְג צוּ לֶעבְן, אוּן מִיטְאַמָאל פוּן אֵיין טָאג צוּם אַנְדֶערְן אִיז עֶר גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַּארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז בִּכְלַל אַמָאל קְרַאנְק גֶעוֶוען.

אַזֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת אוּן בַּיישְׁפִּילְן שְׁפִּילְן זִיךְ אָפּ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין לֶעבְן, אוּן מֶען זֶעט פוּן דֶעם קְלָאר, אַז אַ מֶענְטְש אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָארְגְט אוּן פַּארְזִיכֶערְט אֲפִילוּ מִיט אֵיין טָאג אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַ מֶענְטְש וֵוייסְט נִישְׁט פָּארְאוֹיס וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים.

דעריבער פרעג איך ענק - פארוואס זאלט עטץ אזוי צוברעכן ווערן פון דאס וואס איר גייט יעצט אריבער? פארוואס זאלט איר אריינפאלן אין אזא יאוש, ביטערניש, און מרה שחורה, צוליב זאכן וואס פאסירן ביי אייך און איר גייט יעצט דורך, עד כדי כך אז איר טראכט שוין פון זיך נעמען דאס לעבן?!

וואס מיינט איר, דאס איז די עצה וויאזוי צו לעזן א פראבלעם? איר מיינט אויב איר וועט זיך נעמען דאס לעבן, וועט איר שוין פטור ווערן פון די ביטערע צרות און דאגות?

צו מאכן א סוף פון די לעבן איז בכלל נישט קיין עצה!

זאלסט וויסן, אז סוף כל סוף ווען מען קומט שוין אן אין קבר איז אויך זייער ביטער און שלעכט, טראכט נישט קיין איין מינוט, אז גלייך ווען מען שטארבט און מען ווערט נפטר פון די וועלט איז מען שוין פטור פון אלע צרות! אונזערע הייליגע חכמים האבן אונז בפירוש אנטפלעקט און געזאגט (ברכות יח:) אז "ס׳איז שווערער פאר א טויטן מענטש אויסצוהאלטן די צער וואס ער האט פון א ווערימ׳ל וואס קומט אים בייסן, מער ווי די צער וואס א לעבעדיגער מענטש האט פון א נאדל

וָואס שְׁטֶעכְט אִים״; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס עֶרְקְלֶערְט (אִין סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן פד) לוֹיט וְוִי חֲזַ״ל זָאגְן (אִין מְסֶכֶת אָבוֹת פֶּרֶק ד׳) וְאַל תַּאֲמַר שֶׁהַשְּׁאוֹל בֵּית מָנוֹס לָךְ, [דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַייְנְרֶעדְן אַז דִי קֵבֶר אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן], זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערוֹיף פְּשַׁט, אַז אוֹיף דִי וֶועלְט, פוּן דִי פִיל טֶרְדוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, סַיי פוּן פַּרְנָסָה און סַיי פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, קֶען זִיךְ מַאכְן אַז עֶפֶּעס אַ סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וְוִי לְמָשָׁל אַ מַאסְקִיטוֹ זָאל אִים בַּייסְן און עֶר זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם צַעַר, ווִיבַּאלְד זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זֶענֶען אַזוֹי פַּארְטְרַאכְט מִיט דִי בִּיזְנֶעס און גֶעשֶׁעפְטְן און דָאס גְלַייכְן, אָבֶער דָארְט אִין קֵבֶר וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל אִים מַאכְן פַּארְנוּמֶען, און עֶר אִיז נִישְׁט פַּארְטְרַאכְט מִיט גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְטְס הֶערְט עֶר אֲפִילוּ דִי קוֹל ווִיאַזוֹי דִי וֶוערִים קוּמְט צוּ קְרִיכְן צוּ אִים, און עֶר פִילְט דִי צַעַר פוּן יֶעדְן אַייְנְצִיגְן בִּיס וָואס עֶר כַאפְּט, ס׳אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם בִּיזְנֶעס און גֶעשֶׁעפְטְן וָואס זָאל אִים צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן שְׁפִּירְן דֶעם גְרוֹיסְן צַעַר פוּן דִי וֶוערִים רַחֲמָנָא לִיצְלַן.

דֶערִיבֶּער זֶע אִיךְ נִישְׁט אַז ׳זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן׳ זָאל זַיין דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה און לֶעזוּנְג פַּאר דִיר, דָאס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל

נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין קֵבֶר אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, אוּן דִי מַייז, רַאטְן, עֶגְדִיסְן, שְׁלֶענְג, אוּן אַלֶע סָארְט שְׁרָצִים הֵייבְּן אָן קוּמֶען צוּ אִים, זַיין גוּף וֶוערְט פוּל מִיט וֶועְרִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַלֶעס, דֶעמָאלְטְס הֶערְשְׁט הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן מֶענְטְשׁ דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע יוֹם הַדִין.

מְמֵילָא אוֹיב אַזוֹי, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן?

וָואס אִיז דָאס גְרוֹיסֶע אַיילֶענִישׁ אָנְצוּקוּמֶען צוּם קֵבֶר?

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ אָבֶער וִויסְן אַז וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר נָאךְ אַלֶעס פַארְעֶכְטְן, אַז עֶר זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן דִי יִסוּרִים אִין קֵבֶר!

לָאז נִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע דִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִפְטָר פַארְגֶעסְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס, אוּן לִיגְט ווִי אַ שְׁטֵיין אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט. רֶעד זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אֵיין אַזוֹי! זָאלְסְט וִויסְן אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶע׳מִשְׁפָּט דָארְט אִין קֵבֶר מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עוֹנְשִׁים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן! אוּן עֶר שְׁפִּירְט דָארְט יֶעדֶע רִיר, סַיי וִויאַזוֹי דָאס וֶוערִימ׳ל קוּמְט צוּ קְרִיכְן צוּ אִים, אוּן סַיי אַיֶעדֶע שְׁטָאךְ אוּן בִּיס

וָואס די וֶוערים און מַייז בַּייסְן אִים, און אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן וָואס קוּמֶען צו קְרִיכְן צו אִים אִין קֶבֶר שְׁפִּירְט דֶער מֶענְטְשׁ אַיֶעדֶע שְׁטֶעךְ און בִּיס פון זֵיי. אוֹיב אַזוֹי, וָואס לוֹינְט דִיר אַרַיינְצוּפַאלְן אִין אַ יִאוּשׁ, צו אוֹיפְגֶעבְן, און זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן?

בֶּעסֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּער טְרַאכְטְן אַפָּאר מִינוּט וֶוען דו לֶעבְּסְט נָאךְ, און זִיךְ מַאכְן אַן אֱמֶת׳ן חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

גֶעדֶענְק גוּט! ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט עֶר נָאךְ אַ הָאפְּֽעֶנוּנְג, און קֶען נָאךְ אַלֶעס אִינְגַאנְצְן פַּארְרֶעכְטְן, סַיי זִיךְ אַלֵיין, און סַיי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען און וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִים.

זִיךְ צו הַרְגִ׳נֶען חַס וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה! אֱמֶת טַאקֶע אַז דו גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער בִּיטֶערְנִישׁ, הָאסְט יֶעצְט אַ בִּיטֶערֶע צָרָה אִין לֶעבְּן, און דו הָאסְט זִיךְ גֶעטְרָאפְן סְטָאק, דו בִּיסְט שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְן אַזוֹי ווִי אִין ׳אַ פַּארְמַאכְטֶע גַאס׳ [וָואס מֶען רוּפְט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אַ ׳דֶעד עֶנְד׳] וואוּ מֶען קֶען נִישְׁט וַוייטֶער פָּארְן, מְמֵילָא דַאכְט

זיך דיר אַז דו קענסט נישט אַרויס פון דאָרט, און דו מיינסט אַז ס׳איז נישטאָ אַ וועג אַרויס פון דיין צרה, פונדעסטוועגן דאַרפסטו וויסן אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, אַ מענטש טאָר נישט טראַכטן אַז: ׳אַלע וועגן זענען שוין פון מיר פאַרשלאָסן׳. אַפילו ווען אַ מענטש קומט אָן צו די שווערסטע און ערגסטע מצבים אין לעבן, איז נאָכאַלץ דאָ אַ לעזונג וויאַזוי מען קען אַרויסקריכן פון דעם גאַנצן פלאָנטער וואו מען איז אַריינגעדרייט געוואָרן.

### וויאַזוי קריכט מען למעשה אַרויס פון די צרה?

יעצט שטעלט זיך די פראַגע: וויאַזוי טאַקע קען מען אַרויסקריכן פון די שווערע צרות און פלאָנטערס?

דער ענטפער איז: אויב מען איז זוכה נאָנט צו ווערן צום אמת׳ן צדיק פון דור, און מען פרעגט אים אַן עצה אויף יעדע פרט און פרט אין לעבן!

ווייל אַ מענטש וואָס געפונט זיך אין זייער אַ שווערן מצב, און טרעפט זיך אויף ביטערע געהאַקטע צרות, און איז נעבעך פאַרפלאָנטערט אַז ער פילט ווי ער איז אָנגעקומען צו אַ ׳דעד ענד׳ - ׳אַ פאַרמאַכטע גאַס׳, און ס׳איז אים זייער

בּיטער און שׁלעכט דאס לעבן, זיין מזל איז אים פונסטער; אזא מענטש וועט אוודאי נישט זען מיט זיינע אייגענע אויגן און שׂכל קיין שום לעזונג פאר זיין פּראבּלעם, ער וועט זיכער נישט זען קיין שום וועג וויאזוי ארויסצוקריכן פון זיין בּיטערניש און פון זיינע צרות און יסורים וואו ער איז אריינגעפאלן.

דעריבּער איז די עצה פאר אים, אז ער זאל זיך צוגעוואוינען צו קומען צום אמת׳ן צדיק וואס איז באהאפטן און צוגעקלעבּט צום אייבּערשטן, און זיין גאנצע מח מחשבה איז שוין נישט דא אויף דער וועלט, נאר אויף יענע וועלט. ווייל דער אמת׳ער צדיק וואס האט זיך אנגעשטרענגט מיט אזויפיל פּלאג און מיה צו דינען דעם אייבּערשטן אלע יארן, האט זוכה געווען צו צוקומען צו אזא הויכע מדריגה אז אפילו ווען זיין גשמיות׳דיגע גוף דרייט זיך נאך דא אויף די וועלט, איז ער שוין צוגעקלעבּט צום אייבּערשטן מיט זיין נפש און רוח, און איז שוין בּכלל נישט דא אויף די וועלט. וועגן דעם טאקע קען אזא סארט צדיק געבּן מורא׳דיגע וואונדערליכע עצות וויאזוי ארויסצוקריכן פון אלע סארט פּלאנטערס און פּראבּלעמען וואס א מענטש גייט דא דורך אויף די וועלט, און דער צדיק קען אים ארויסנעמען

פון אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת וָואס עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן, און דֶער צַדִיק מַאכְט פַאְרן מֶענְטְשׁ לִיכְטִיג אִינְגַאנְצְן אִין זַיין פוּנְסְטֶערְנִישׁ וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ.

טַייעֶרֶע זוּן און טֶעכְטֶער, אֲפִילוּ סְ׳גֵייט יֶעצְט דוּרְךְ אוֹיף עֶנְק זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, עֶס דַאכְט זִיךְ עֶנְק כְּאִילוּ סְ׳אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, סְ׳אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין הָאפְפֶענוּנְג, און אִיר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע עֵצָה וְויאַזוֹי אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי צָרָה וואוּ אִיר זֶענְט אַרַיינְגֶעפַאלְן, דָאךְ גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְרַאכְטְן כְּאִילוּ סְ׳אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, און סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר זִיךְ צוּ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן חַס וְשָׁלוֹם. נָאר טוּטְס אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם אֱמֶת׳ן צַדִיק זִיךְ אִיבֶּער צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים און פְרֶעגְן אַן עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרַט וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף עֶנְק, דֶעמָאלְטְס וֶועט אִיר זֶעהְן קְלָאר, אַז מֶען קֶען יָא אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת און יִסוּרִים, און אַלֶע מִינֵי פְּלָאנְטֶער אִין לֶעבְן.

וואוֹיל פַאר דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּ דֶעם אֱמֶת׳ן צַדִיק וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דער צדיק וועט אריינשיינען אין ענק מורא׳דיגע וואונדערליכע עצות וויאזוי ארויסצוקריכן פון נעץ און פלאנטער וואו איר זענט פארכאפט געווארן, און אייך ווייזן וויאזוי איר קענט אויך זוכה זיין צו שפירן די לעכטיגקייט פון דעם אייבערשטן, און זיך אנהאלטן פעסט ביים אייבערשטן.

## ס׳איז נישטא גארנישט אויסער דעם אייבערשטן!

באמת איז נישטא קיין שום מציאות אויסער דעם אייבערשטן, ס׳איז גארנישט דא אויסער אים, די וועלט קען זיך נישט האלטן אן אים, ער האלט אן און געבט לעבן פאר דיר און פאר די גאנצע וועלט.

די גאנצע בריאה איז איין שטיק געטליכקייט, סיי ׳דומם׳ [זאכן וואס רירן זיך נישט - אזוי ווי א שטיין און דאס גלייכן], סיי ׳צומח׳ [זאכן וואס וואקסן און שפראצן], סיי ׳חי׳ [אזוי ווי חיות בהמות און פייגלעך, און אזוי ווייטער], און סיי ׳מדבר׳ [מענטשן וואס קענען רעדן], אלעס אלעס איז איין שטיק געטליכקייט וואס השם יתברך לעבט אין זיי, און דער אייבערשטער האט דאס אלעס באשאפן, און געוואלט אז אזוי זאל דאס זיין.

דָאס וָואס אַ מֶענְטְש לַיידְט צָרוֹת אִיז וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְ׳ן אִין זַיינֶע גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם אֶמֶת׳ן צַדִיק וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּאקוּמֶען פוּן אִים דִי אַלֶע מוֹרָא׳דִיגֶע ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וְויאַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי פְּלָאנְטֶער.

### יֶעדֶער גֵייט אַמָאל דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין לֶעבְּן!

יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט דוּרְךְ אִין לֶעבְּן אַסַאךְ סָארְטְן מַצָבִים אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן, סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת, סֵיי מִיט זַאכְן וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ אָפּ אוּן פַּאסִירְן מִיט זַיין גוּף, אוּן סֵיי מִיטְן נֶפֶשׁ, סֵיי מִיט זַיין מַצָב אִין גֶעלְט אוּן אַזוֹי נָאךְ אַנְדֶערֶע מַצָבִים.

וְוי אוֹיךְ זֶעט יֶעדֶער מֶענְטְש זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת אִין זַיין לֶעבְּן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט אִים יֶעדֶעס מָאל, בִּפְרַט אִין רוּחְנִיוּת וָואס עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן, זֶעט עֶר כְּסֵדֶר אִינְטְרֶעסַאנְטֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דִי בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט אִים.

דֶער אֶמֶת׳עֶר צַדִיק עֶר שַׁיינְט אַרַיין אוּן גֶעבְּט פַאר יֶעדֶע אִיד עֵצוֹת אִין יֶעדְן מַצָב אוּן אִין יֶעדֶע

סָארְט צַייט וָואס דֶער מֶענְטְש גֵייט דוּרְךְ, סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, סַיי וֶוען עֶר אִיז דֶערְהוֹיבְּן אוּן גוּט מוּטִיג אוּן שְׁפִּירְט וִוי אַלֶעס גֵייט אִים בַּארְג אַרוֹיף, עֶר וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער בְּרוּחְנִיּוּת אָדֶער בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן סַיי וֶוען עֶר פִילְט וִוי אַלֶעס גֵייט בַּארְג אַרָאפּ, סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִין יֶעדְן פַּאל אוּן מַצָּב, אוּן אִין יֶעדֶע צַייט, שְׁטֶענְדִיג שַׁיינְט דֶער צַדִיק אַרַיין לֶעכְטִיגְקֵייט אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן גֶעבְּט עֵצוֹת וָואס צוּ טוּן, וְויאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְּן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, יֶעדֶעס מָאל לוֹיט דִי מַצָּב וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, אַבִּי עֶר זָאל בְּלַייבְּן פֶּעלְזְן פֶעסְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן אוּן דֶערְוַוייטֶערְט וֶוערְן.

די עִיקָר וֶועג אוּן עֵצָה וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים, אִיז דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְש טְרַאכְט אַבִּיסְל וַוייטֶער, עֶר טְרַאכְט וָואס גֵייט זַיין בַּיים סוֹף וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט בַּאצָאלְן פַאר יֶעדְן אִיד אַ גוּטֶע בַּאלוֹינוּנְג, לוֹיט זַיין פְלָאג אוּן מִיה וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל דֶעמָאלְטְס וֶועט יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע גוּטֶע בַּאלוֹינוּנְג לוֹיט וְויפִיל עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל לוֹיט וִוי סַאךְ עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן גֶעדִינְט דֶעם

אײבערשטן, אַזוי װעט ער זוכה זײן נאָנט צו װערן צום אײבערשטן מיט אַ מוראדיגע אױסטערלישע גלוסטעניש, אַזוי װי עס שטײט אין פּסוק (במדבר כג, כג) "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵ-ל" [עס גײט קומען אַ צײט װאָס דער אײבערשטער װעט אַרױסװײזן זײן גרױסע ליבשאַפט צו אונז און מיר װעלן זײן זײער נאָנט צום אײבערשטן נאָך מער װי די מלאָכים, אַז די מלאָכים װעלן דאַרפן פרעגן פון די אידן "װאָס טוט יעצט דער אײבערשטער"? װײל די אידן װעלן זײן נענטער צום אײבערשטן װי די מלאָכים]. און בּיזדערװײל בשעת אַ מענטש גײט נאָך אַדורך שװערע צײטן אױף די װעלט, דאַרף ער זיך שטאַרקן און טרײסטן מיט די גוטע צײטן װאָס גײען קומען, װײל צום סוף גײט זײן זײער גוט.

די עיקר דאַרף מען זיך שטאַרקן מיט 'רצון' [אַ 'גוטן װילן'] אַז װיאַזױ עס זאָל נאָר בּישט זײן, און װאָס עס גײט נאָר דורך אױף אים, זאָל ער זיך נאָכאַלץ האַלטן פעסט מיט אַ שטאַרקע רצון צום אײבערשטן, און זאָגן כסדר **"איך װיל זײן אַן ערליכער איד"**, װײל דאָס אַלײנ'ס װאָס אַ מענטש האָט אַ גוטן װילן, אַ גוטע רצון, דאָס איז זײער חשוב און טײער בײם אײבערשטן (קוק אַרײן אין לקוטי הלכות, נטילת ידים לסעודה, הלכה ו', אות ב"א).

דעריבער איז זייער גוט און געשמאק זיך איינצוגעוואוינען צום קומען יעדעס מאל צום אמת׳ן צדיק, און פרעגן אן עצה אויף יעדע איינציגסטע פרט אין לעבן וואס ער דארף וויסן, און דער צדיק וועט צובינדען אלע זיינע פראבלעמען וואס ער גייט דורך אין לעבן צום אייבערשטן, סיי וואס ער גייט דורך בגשמיות, און סיי ברוחניות, אלעס בינדט דער צדיק צו צום באשעפער, און ער וועט אים געבן מורא׳דיגע וואונדערליכע עצות וויאזוי זיך צו שטארקן, און וויאזוי ארויסצוקריכן פון זיין גאנצע פלאנטער ווי ער איז אריינגעדרייט געווארן. ווייל נאר דורך דעם אמת׳ן צדיק קען מען ארויס קריכן פון די צרה וואו מען איז פארכאפט געווארן.

דארפסט אבער וויסן, אז צו טרעפן דעם אמת׳ן צדיק פון דור, אויף דעם דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן, **"באשעפער העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו טרעפן דעם אמת׳ן צדיק"**, ווייל דער ׳בעל דבר׳ דער ׳יצר הרע׳ האט געמאכט א גרויסע צעמישעניש אויף די וועלט, ער האט אויפגעשטעלט אלע מיני פאלשע מנהיגים, וואס קענען ׳זיך אליין׳ נישט פירן, איז וויאזוי זאלן זיי קענען פירן אנדערע?! (קוק אריין אין לקוטי־מוהר״ן, חלק א׳, סימן סא).

טאקע דערפאר איז ליידער דא אין דעם הייניגן דור אזויפיל פעלער פון ׳סאיסיידס׳ וואס מענטשן ליידער מאכן א סוף צו זייער לעבן, ווייל דער אמת׳ער צדיק פון דור איז פארהוילן און באהאלטן, און מען קען נישט צוקומען צו אים, דעריבער דאכט זיך פארן מענטש כאילו ס׳איז שוין פארלוירן האפפענונג פון אים, און כאילו ער וועט שוין קיינמאל נישט ארויסקריכן פון זיינע צרות, יסורים, און ביטערניש, ביז ער נעמט זיך דאס לעבן רחמנא ליצלן. און נישט נאר אז ער מאכט זיך אליין אן דורכדעם נאך גרעסערע צרות און יסורים, [ווייל ׳איינער וואס מאכט אליין א סוף צו זיין לעבן האט נישט קיין חלק אין עולם הבא׳], אויסער דעם איז ער אבער אויך גורם צער און עגמת נפש פאר זיין גאנצע משפחה, זיין טאטע מאמע, ברודער און שוועסטער, און זיינע זון און טעכטער, ער מאכט אז אלע זאלן ווערן דערפון זייער פארשעמט, זיי ליידן דערפון גרויסע בושות און בזיונות.

דעריבער מיינע טייערע זון און טעכטער, פאלגט מיר, הערט וואס איך זאג אייך, געוואוינט אייך צו, צו קומען יעדעס מאל צום אמת׳ן צדיק פון דעם דור, דערציילט אים אלעס פונקטליך וואס עס גייט אויף אייך אדורך, און ער וועט ענק

גֶעבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וְויִאַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶעהְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, יִסוּרִים, בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן פְלָאנְטֶער וְוִי אִיר זֶענְט פַארְהַאנְקֶעט גֶעוָוארְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן הָאפְפֶענוּנְג אוּן טְרַאכְטְן 'מַיין לֶעבְּן אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד'. אִיר זָאלְט וְויסְן, אַז **אִין יֶעדֶע שְׁוֶועֶרֶע מַצָּב וואוּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.** אוּן סְ׳אִיז נָאכְאַלְץ דָא הָאפְפֶענוּנְג פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן צַדִּיק וָואס קֶען אִים לֶערְנֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹרָא׳דִיגֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט אִין זַיין לֶעבְן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם צַדִּיק שַׁיינְט דֶער צַדִּיק אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דָאס גֶעטְ׳לִיכְקֵייט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל וְויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָא מִיט אִים אִין זַיין צָרָה! דֶער צַדִּיק מַאכְט אִים לֶעכְטִיג צוּ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶע זַיינֶע שְׁווֶערֶע צַייטְן אִיז פַארְבִּינְדֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס פִּירְט זִיךְ מִיט אִים אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פּוּנְקְטְלִיךְ וְויִאַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וְויל, אַלֶעס פִּירְט זִיךְ פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

בְּאֱמֶת אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט דִי ריכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, און גֶעגְלֵייבְּט אַז אִין יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאהַאלְטְן, עֶס פִּירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט אַלֵיינְ'ס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל; וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ זַיין חַבֵר, און ווִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן; אָבֶער וויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט אַזַא קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, דֶערְפַאר דַארְף עֶר קוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן צַדִיק וָואס הָאט שׁוֹין יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם אִינְגַאנְצְן, און דֶער צַדִיק וֶועט מַאכְן שַׁיינֶען אוֹיךְ אוֹיף אִים דִי הֶעכֶערֶע סָארְט הֵיילִיגֶע לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט נִישְׁט קַיין סוֹף, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט און גֶעשְׁמַאק, דִי לֶעבֶּעדִיגְקֵייט און שַׁיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה.

אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט נָאר אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר שׁוֹין זֶען אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע הָאפְּֿעֶנוּנְג אִין לֶעבְּן, און מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן. ווַייל צוּ מַאכְן אַ סוֹף פוּן דִי לֶעבְּן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה סַיי בְּגַשְׁמִיוּת און סַיי בְּרוּחְנִיוּת.

ווָאוֹיל פַאר דֶער וָואס נֶעמְט אַריין דִי וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ, און זוּכְט דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק, און

בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת׳ן צַדִּיק פוּן דֶעם דוֹר, אוּן קוּמְט צוּ אִים פְרֶעגְן אַן עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט אוּן פְּרַט, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אַוַודַאי זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה, אוּן עֶר וֶועט זֶען אָפֶענֶע נִסִים וָואס דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אִים.

## זיך היטן פון ליגנער׳ס

ווִיסְן דַארְפְט עֶטְץ אָבֶער, אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן זֶענֶען פַארְהַאנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ לִיגְנֶערְ׳ס אוּן פָּאפֶּערְ׳ס, וָואס פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ וִוי עֶרְלִיכֶע צַדִּיקִים, אוּן הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה פַאר עֶנְק, זֵיי פַארְנַארְן אַייךְ נָאר מִיט אַלֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת, דֶער אַזוֹי אוּן דֶער אַזוֹי, יֶעדֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, דֶער עִיקָר אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן פוּן אַייךְ גֶעלְט. וַוייל עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַלֶע סָארְט שַׁקְרָנִים וָואס וֵוייסְן נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַהנוּנְג וָואס טוּט זִיךְ מִיט זֵיי, זֵיי פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אוּן פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן רֶעדְן אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ כְּאִילוּ ס׳אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אִים אַ שֵׁד אָדֶער אַ רוּחַ, אָדֶער כְּאִילוּ זֵיי הָאבְּן אַן ׳עַיִן הָרַע׳ מְמֵילָא דַארְף מֶען טוּישְׁן זֵייעֶר נָאמֶען, אָדֶער דַארְף מֶען טוּן

אַלֶע אַנְדֶערֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת, וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוֹיס.

אִין אֶמֶת׳ן אִיז דָאס אָבֶער אַלֶעס סְתַּם שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן. וַוייל אַן אֶמֶת׳ער צַדִיק עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם **אַז ס׳אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט**, אוּן גְלַייךְ וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעווּאוֹיר אַז ס׳אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס אִיז פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; טוּישְׁט זִיךְ שׁוֹין זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען טַאקֶע אַז בַּיים אֶמֶת׳ן צַדִיק אִיז דָא אַלֶע סָארְט ווּאוּנְדֶערְ׳לִיכֶע גוּטֶע עֵצוֹת וְויאַזוֹי מְ׳קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּלָאנְטֶערְ׳ס אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן.

### וְויאַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֶמֶת׳ן צַדִיק?

כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן דֶעם צַדִיק דַארְף מֶען אַסַאךְ אִינְוֶועסְטִירְן, נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּן נִישְׁט רוּעֶן נָאר זוּכְן אוּן זוּכְן, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן תְּפִילוֹת אוּן תַּחֲנוּנִים זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֶמֶתְ׳ן צַדִיק וָואס קֶען אִים אוֹיסְהֵיילְן, אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אִים ׳הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת׳ אַז עֶר זָאל אוֹיךְ קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

מֶען דַארְף צוּבְּרֶעכְן דֶעם שְׁלָאף אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְמִיטְן נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן זַייעֶר שְׁטַארְק וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן אוֹיף דֶעם וָואס צַדִיקִים זֶענֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּן פַארְהוֹילְן גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז אַז סְ׳אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ טְרֶעפְן. וָואס דָאס אִיז דָאפֶּעלְט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי דֶער חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ (אֵיכָה רַבָּה, פַּרְשָׁה א, סִימָן לט). אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת׳ן מַנְהִיג אוּן רֶבִּי, וָואס קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ דֶעם ׳דַעַת׳ אוּן ׳שֵׂכֶל׳ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז סְ׳אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דוּרְכְדֶעם אַלֵיין וֶועט שׁוֹין פַארְרָאכְטְן וֶוערְן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת וֶועלְן בָּטוּל וֶוערְן (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר, הֲלָכָה ד׳, אוֹת ז).

דֶערִיבֶּער זֶעהְט׳ס מַיינֶע טֵייעֶרֶע זוּן אוּן טֶעכְטֶער, זִיךְ צוּ הַאלְטְן זַייעֶר שְׁטַארְק אוּן פֶּעסְט מִיט דִי עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וָואס טוּט מֶען בִּיז מֶען טְרֶעפְט דֶעם צַדִיק?

קוֹדֶם זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֱמֶת׳ן צַדִיק וָואס קֶען אַייךְ אַרַיינְשַׁיינֶען אוּן

אויסלערנען אמת׳ע עצות און ריכטיגע וועגן, וויאזוי ענק ארויסצונעמען פון אלע סארט צרות און יסורים וואו איר זענט אריינגעפאלן. און דערוויל ווילאנג איר זענט נאכנישט זוכה אים צו טרעפן פערזענליך צו קענען רעדן מיט אים פריוואט און דערציילן פונקטליך אלע אייערע פראבלעמען, זעטס כאטשע בינזדערוויל אריינצוקוקן און זיינע הייליגע ספרים וואס ער האט איבער געלאזט אויף דער וועלט. ווייל דער צדיק האט איבערגעלאזט אסאך הייליגע ספרים דא אויף דער וועלט, און די פנים און שכל און חכמה פון צדיק, ליגט באהאלטן אין זיינע ספרים וואס ער האט זוכה געווען מחבר צו זיין (ווי עס ווערט געברענגט אין לקוטי מוהר״ן חלק א׳ סימן קצב). און אז איר וועט זוכן און גוט אריינטראכטן אין זיינע הייליגע ספרים, וועט איר זוכה זיין דארט אויך צו טרעפן מורא׳דיגע וואונדערליכע עצות וויאזוי זיך צו ראטעווען. דער עיקר זעט צו פאלגן פשוט מיט א תמימות די ווערטער פון צדיק אן קיין שום חכמות, דעמאלט וועט איר אויך זוכה זיין ארויסצוגיין פון דעם פלאנטער וואו איר זענט אריינגעפאלן.

**אוודאי און אוודאי אויב איר וועט אריינקוקן אין די נייע הייליגע ספרים וואס קומען ארויס**

**יֶעדְן אֵיינְצִיגְן דוֹר, דַאן וֶועט אִיר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק פוּן הַיינְטִיגְן דוֹר, אוּן אִיר זָאלְט טַאקֶע קוּמֶען צוּ אִים, וֶועט עֶר אַייךְ וַוייזְן אַ וֶועג וִויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער אִין וָואס אִיר זֶענְט אַרַיינְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן, אוּן אִיר דַארְפְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, גֶעדֶענְקְט דָאס גוּט, וֶועט אִיר זֶען אָפֶּענֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיט אַייךְ טוּן, ווָאוֹיל פַאר דֶער וָואס פָּאלְגְט אַלֶעס וָואס דָא שְׁטֵייט.**

## ב

### זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן אִיז אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט!

מַיינֶע טֵייעֶרֶע זוּן אוּן טֶעכְטֶער! אִיר דַארְפְט וִויסְן, אַז אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דִי עִיקָר קוּנְץ אוּן חָכְמָה, זִיךְ צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן פוּן אַלֶע מִינֵי צָרוֹת יִסוּרִים אוּן בִּלְבּוּלִים. נִישְׁט וִוי מְ'זֶעט בַּיי גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הֲנָאָה פוּן זִיךְ מַאכְן בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, יֶעדֶע מָאל וֶוערְן זֵיי פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת אוּן גְרֶעסֶערֶע יִסוּרִים, בִּיז זֵיי הֵייבְּן הֶענְט אוּן גֶעבְּן

אויף, און זענען זיך איינגאנצן מייאש, אזוי ווייט אז זיי זעען שוין נישט פאר זיך קיין שום האפענונג און וועג ארויס וויאזוי זיי זאלן נאך אמאל קענען ארויסגיין פון זייער פלאנטער, ס׳דאכט זיך זיי אז ס׳איז געבליבן נאר איין וועג ארויס ׳זיך צו נעמען דאס לעבן׳ חס ושלום.

באמת איז דאס אבער נאר א רוח רעה, ס׳איז שטותים און נארישקייטן וואס זיי טראכטן, ווייל צו מאכן א סוף פון דאס לעבן איז נישט קיין שום לעזונג צו די צרה. ער טראכט נישט אריין ״וואס גייט דען זיין נאכדעם״?!

לאמיר שוין זאגן אפילו אויב א מענטש איז יא באמת אריינגעפאלן אין אזוינע שווערע צרות און יסורים מיט עגמת נפש, אז ס׳דאכט זיך אים אז ס׳איז שוין נישטא קיין שום האפענונג פאר אים, און ער האט שוין נישט וואו צו אנטלויפן, ער שפירט ווי ער איז אריינגעפארן אין א פארמאכטע גאס וואס מען קען נישט ארויס פון דארט, און דאס מאכט אים טראכטן אז עס גייט אים שוין נישט אן מער וואס גייט זיין נאכדעם, ער וויל נאר שטארבן.

דאס איז אבער א גרויסע שטות און נארישקייט אזוי צו טראכטן! דאס קומט פון א

טִיפֶע יֵאוּשׁ. וַוייל עֶר מֵיינְט אַז נָאכְן שְׁטַארְבְּן עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ הֶערְשְׁט אָן דִי מַעֲשֶׂה. דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ טוּן מִיטְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן, **אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס עֶס וַוארְט זֵיי אָפּ נָאכְן שְׁטַארְבְּן, וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַזוֹי שְׁנֶעל שְׁטַארְבְּן, וַוייל וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט הָאט עֶר נָאךְ אַ הָאפְּפֶענוּנְג צוּ פַּארְרֶעכְטְן אַלֶעס! זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין! אוּן זָאל זַיין וִויאַזוֹי עֶס זָאל נָאר זַיין! אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין אַדוּרְךְ אוֹיף אִים אַלֶע מִינֵי צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אוּן עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין אַלֶע מִינֵי עֲבֵירוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין מוֹרָא׳דִיגֶע טִיפֶע שְׁוֶועְרֶע חוֹבוֹת, אוּן זִיךְ פַּארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט אַלֶע סָארְט פַּארְשִׁידֶענֶע מִינֵי מֶענְטְשְׁן, אוּן הָאט זִיךְ פַּארְגְלִיסְט אִין פַּארְשִׁידֶענֶע זַאכְן וָואס עֶר אִיז דֶערְנָאךְ אַנְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע סָארְט פֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, אוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן וָואס גֶעשֶׁעהְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אִין לֶעבְּן; אוֹיבּ אָבֶּער לֶעבְּט עֶר נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן, אוּן קֶען נָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְטוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן פַאר זַיין גַאנְצֶע סְבִיבָה.**

## יעדע מענטש קען מצליח זיין

דער אמת איז אז ס׳איז נישטא א מענטש אויף דער וועלט וואס האט נישט א צייט וואס דעמאלט איז ער פונקט יא מצליח, אזוי ווי חז״ל זאגן (אבות פרק ד׳) ׳אין לך אדם שאין לו שעה׳; יעדע מענטש האט אין זיין לעבן א גוטע מינוט און שעה וואס פונקט דעמאלטס קען ער גראדע יא מורא׳דיג מצליח זיין, נאר וואס דען? אלע פארלירן די ׳גוטע צייט׳ וואס זיי האבן געקענט מצליח זיין, ווייל זיי געבן אויף און פאלן אריין אין שטארקע יאוש, מ׳איז זיך איינגאנצן מייאש צוליב די אלע שוועריקייטן וואס פאסירט מיטן מענטש.

דעריבער, זעהטס מיינע טייערע זון און טעכטער, זיך אמת׳דיג גוט איבער־צו־טראכטן וואו איר שטייט אויף דער וועלט, וואסערע מצב איר געפונט זיך יעצט, אפילו אויב איר געפונט זיך אין זייער א שווערע מצב, עס גייט אייך איבער פיל צרות ברוחניות און בגשמיות סיי פון אינעווייניג סיי פון דרויסן, עניינים פון שלום בית, אדער עניינים פון פרנסה, אדער אנדערע זאכן וואס איר געבט זיך נישט קיין עצה, צי מיט חברים וואס איר קענט זיך נישט געהעריג אדורך קומען מיט זיי, און אזוי ווייטער אלע אנדערע

סָארְט שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶס קֶען דוּרְכְגֵיין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אַז פוּן אַזוֹי פִּיל צָרוֹת שְׁפִּירְט אִיר מַמָּשׁ אַז ס׳אִיז עֶק וֶועלְט.

אוֹיבּ אִיר וֶועט נָאר אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ פָּשׁוּטֶע אֶמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס הַאלְט אוֹיף אוּן גֶעבְּט לֶעבְּן פַּאר יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, אַלֶעס אַלֶעס סֵיי ׳דוֹמֵם׳ [זַאכְן וָואס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן - אַזוֹי ווִי לְמָשָׁל אַ ׳שְׁטֵיין׳], סֵיי ׳צוֹמֵחַ׳ [זַאכְן וָואס וַואקְסְן], סֵיי ׳חַי׳ [לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן], סֵיי ׳מְדַבֵּר׳ [מֶענְטְשְׁן], אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן אַ שְׁטִיק לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הַשְׁגָחָה. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס, אוּן נֶעמְט דָאס גוּט גוּט אַרַיין אִין זַיין הַארְץ אוּן מֹחַ, אִיז אִים דֶעמָאלְט שׁוֹין גְרִינְג אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן צוּם גוּטְן אַלֶע זַיינֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, דוּרְכְפֶעלֶער, יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת וואוּ עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן זַיין לֶעבְּן פוּן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים צוּ אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

די עיקר סיבה פארוואס א מענטש שפירט ביטערקייט, צרות, יסורים, און ווי אלעס גייט אים קרים, איז נאר ווייל ער איז דערוויי טערט פון דעם אייבערשטן. ער איז אזוי פיל מאל פארפלאנטערט געווארן אין לעבן מיט שוועריקייטן, אז זיין אמונה איז געבעך אפגעשוואכט געווארן, און ער האט ספיקות און קשיות אויפן אייבערשטן. בפרט היינטיגע צייטן וואס צוליב די בחירה און די נסיון, איז די גאנצע וועלט פול מיט כפירות און אפיקורסות, און עס קומען ארויס יעדן טאג אלע מיני צייטונגען און נייעס אנגעפילט מיט עקלהאפטיגע אומווערדיגע נאקעטע שמוציגע בילדער, און די נייעס סטאנציעס, די ראדיו, טעלעוויזיע, און אינטערנעט, שפייען ארויס פון זיך כסדר אלע מיני שמוץ, כפירות מיט אפיקורסות, ביז ס'איז אנגעקומען צו אזא מצב אז ווער עס לייענט נאר עפעס אין א צייטונג, אדער הערט ראדיו, קוקט טעלעוויזיע, מיט נייעס קליפס און אזוי ווייטער, זעט און הערט און פארשטייט דערפון נאר כפירות און אפיקורסות, מיט עקלדיגע שמוץ, און עבירות, ממילא איז אוודאי אז ער שפירט נאר ביטערקייט, צרות, יסורים, און ווי אלעס גייט אים קרים.

קוקן שמוץ מאכט אז א מענטש זאל ווערן זייער דיפרעסט און צובראכן, ס׳פארדרייט אים זיין שכל, קלאפט אראפ זיינע פרייליכע געפילן, ביז דער מענטש הייבט אן האבן קשיות אויפן אייבערשטן, און קומט ליידער צו כפירות און אפיקורסות, ער מיינט שוין כאילו ס׳איז נישטא קיין שום דין וחשבון אויף דער וועלט חס ושלום, וואס דאס אליינס מאכט אז מ׳זאל פארלירן דעם ציל און געשמאק פון לעבן, ביז ער מאכט אפ ביי זיך אז די בעסטע זאך איז ׳זיך צו נעמען דאס לעבן׳ - דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

די עצה פאר אזא מענטש איז: ער זאל גיין צום אמת׳ן צדיק!

א אמת׳ער צדיק איז שטענדיג צוגעקלעבט צום אייבערשטן, א צדיק וויל גארנישט, נאר איין זאך: טון דעם אייבערשטנ׳ס ווילן. דערפאר טאקע איז דער אמת׳ער צדיק שטענדיג נאר מפרסם דעם אייבערשטנ׳ס נאמען אויף דער וועלט, אז יעדער זאל וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט.

אויב א מענטש איז זוכה נאנט צו ווערן צום דעם אמת׳ן צדיק, הייבט אן צו שיינען אויך אויף אים די זעלבע מורא׳דיגע וואונדערליכע לעכטיגקייט

פונעם אייבערשטן. דערפאר דארף מען גיין דווקא צו אזא סארט צדיק, אן אמת׳ר צדיק; ווייל דווקא ער קען ארויסנעמען יעדע מענטש פון זיין פלאנטער וואו ער איז פארפלאנטערט געווארן, און קען אריינשיינען אויך אין אים די זיסקייט און געשמאק, אנגענעמקייט און לעכטיגקייט פון דעם אייבערשטן, אז ער זאל אויך שפירן די לעבעדיגקייט פונעם אייבערשטן.

דער צדיק קען אים ארויסנעמען פון זיין געפענגעניש און נעץ וואו ער איז אריינגעפאלן, און קען אים מחזק זיין, שטארקן און מוטיגן, און ארויסנעמען פון זיין פארהאקטע מצב וואו ער איז שטעקן געבליבן און פארכאפט געווארן.

דעריבער מיינע טייערע זון און טעכטער! אפילו איר זענט שוין אראפגעפאלן וואו איר זענט אראפגעפאלן, פארווארפן געווארן וואו איר זענט פארווארפן געווארן, ס׳איז אויף ענק אריבער אין לעבן אלע סארט ביטערניש אויף די וועלט, און ווער רעדט נאך אז יעצט אליין גייט נאכאלץ אריבער אויף אייך אלע מיני צרות יסורים און ביטערניש, עד כדי כך אז ס׳קומט ענק אריין יעדעס מאל מחשבות פון ׳זיך נעמען דאס לעבן׳ חס ושלום. זעהט צו קומען צום אמת׳ן צדיק וואס וועט אייך אריינלייגן א מורא׳דיגע התחזקות

און שְׁטַארְקַייט, עֶר וֶועט אַייךְ עֶפֶּעֶנען דִי אוֹיגְן, אוֹיסְלֶערְנֶען נַייעֶ מְהַלְכִים, נַייעֶ וֶועגְן וְויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי פְּלָאנְטֶער וואוּ אִיר זֶענְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט גֶעוָוארְן, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ, זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## פַארְוָואס טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן?

דֶער אֶמֶת אִיז, אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס סְ׳קוּמְט אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁנְ׳ס מֹחַ - 'מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן' אִיז וַוייל עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, בִּיז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען גֵייט אִים הַרְגְ׳נֶען.

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל: אֵיינֶער אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, אוּן אִיז פַארְפְּלָאנְטֶערְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע חוֹבוֹת אַז עֶס הָאט שׁוֹין דֶערְגְרַייכְט צוּ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלְלֶער אָדֶער מֶער, אוּן מֶען שְׁרֶעקְט אִים אָן, אַז מֶען גֵייט אִים אַרֶעסְטִירְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אִין קָאפּ אַן הַחְלָטָה אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען פוּן דֶעם פְּרָאבְלֶעם אִיז זִיךְ צוּ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן.

אָדער אַן אַנדערע בייַשפּיל: איינער וואס איז אָנגעקומען צו די מיליטער און ער מוז דאָרט אַרבעטן, ער איז יעצט אַ סאָלדאט געפונט זיך אין מיליטער און זיין גענעראל האט זיך פאַרלייגט אויף אים, ער דערנידערט אים מיט אַלע סאָרט וועגן, שרייט אויף אים, מאַכט אים צו שאַנד און צו שפּאט אויף אַלע מיני אופנים אין פאָרנט פון אַלע זיינע חברים און אַרומיגע, ער טוט אים זייער וויי, ער שטראָפט אים מיט אַלע סאָרט עונשים, ביז פון אַזויפיל צער, עגמת נפש, און חלישות הדעת וואס ער האט, פון אַזויפיל מאָל ווערן דערנידערט, קען ער עס שוין נישט אויסהאַלטן מער, מאַכט ער אָפּ ביי זיך אַז די בעסטע עצה פאַר אים וועט זיין זיך צו נעמען דאָס לעבן.

אַזוי אויך ווען עס געשעהט ביי אַ מענטש אין שטוב עפּעס אַ בראָך, סיי פון זיין ווייב אַז ער האט נישט קיין 'שלום בית'. אָדער חס ושלום זי איז בוגד און ווידערשפּעניגט אין אים. אָדער ער איז אַנטוישט געוואָרן פון אַ באַליבטע מענטש, צי ס'האט זיך נישט אויסגעאַרבעט אַ שידוך. אָדער ער האט צרות און עגמת נפש פון זיינע קינדער און איז זייער פאַרביטערט דערפון. ס'איז אים אַזוי ביטער דאָס לעבן אַז ער באַרעכנט זיך

אַז ס׳איז נישטָא קיין אַנדערע עצָה נאָר צו מאַכן אַ סוף פון זיין לעבן.

דאָס אַלעס קומט אָבער פון קליין זיניקייט, וויבאַלד דער מענטש איז ווייט פונעם אייבערשטן, ביז ער פאַרגעסט אינגאַנצן אַז דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט אַ פונקטליכע חשבון און השגחה פרטית. ביי אים איז אינגאַנצן פאַרלאָשן די לעכטיגקייט פונעם אייבערשטן.

ביי אים איז אינגאַנצן טונקל, און פון די גרויסע פונסטערניש וואָס עס געפונט זיך אויך אויף די וועלט, זעט ער בכלל נישט די לעכטיקייט פון דעם אייבערשטן, נאָר עס דאַכט זיך אים כאילו אַלעס איז אַ ׳טבע׳. און אויב אַלעס איז ׳טבע׳, מאַכט ער זיך אַ חשבון אַז ׳על פי דרך הטבע׳ איז נישטָא קיין אַנדערע וועג וויאַזוי געראַטעוועט צו ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון די צרות און יסורים און פלאָנטער וואו ער איז שטעקן געבליבן, און פאַרהאַנקעט געוואָרן, נאָר דורך דעם וואָס ער וועט ענדיגן זיין לעבן, און זיך אַליין מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן, רחמנא ליצלן.

אַנדערש איז אָבער אויב אַ מענטש איז זוכה צו קומען צום אמת׳ן צדיק פון דור, דער צדיק דרינגט אין אים אַריין פשוטע אמונה אינעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, און לֶערְנְט אִים אויס מוֹרָא׳דיגֶע וואונְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וְוִיאַזוֹי זִיךְ רִיכְטִיג צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זַיין הַארְץ אַ הֵיילִיגֶע דְרֵייסְטְקֵייט, אַן עַקְשָׁנוּת און אַ פֶּעסְטְקֵייט, נִישְׁט נִתְפָּעֵל צוּ וֶוערְן און זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קֵיינֶעם אויף דֶער וֶועלְט, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט אֲפִילוּ אִין זַיינֶע שְׁטֶערְקְסְטֶע צָרוֹת און יִסוּרִים וֶוען עֶס גֵייט אויף אִים אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, זָאל עֶר נָאכְאַלְץ זִיךְ גָארְנִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, און נִישְׁט אויפְגֶעבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, און הָאט אַסַאךְ וֶועגְן וְוִיאַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן.

## דִי הִתְחַזְקוּת פוּן דֶעם אֶמֶת׳ן צַדִיק

דֶער אֶמֶתֶ׳ר צַדִיק הָאט אַ גְרוֹיסֶע גֶעטְלִיכֶע חָכְמָה און פַארְשְׁטַאנְד, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֵיילִיגֶע גֶעטְלִיכֶע הַשָׂגוֹת אויפְן הֶעכְסְטְן פַארְנֶעם, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע צוּקְלַאפְּטֶע און פַארְוָוארְפֶענֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין תַּאֲווֹת און אִין צָרוֹת, בִּיז עֶר קֶען אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אַ הֵיילִיגֶע עַזוּת און עַקְשָׁנוּת, נִישְׁט נִתְפָּעֵל צוּ וֶוערְן פוּן

קיינעם אויף דער וועלט, זאל זיין וויאזוי ס׳זאל נאר זיין, און זאל זיין וואס ס׳זאל נאר זיין.

צום ביישפיל אז מ׳איז שולדיג ריזיגע חובות, מען שרעקט אן דעם מענטש אז מען גייט אים ארעסטירן אין תפיסה, ווערט מען גארנישט דערשראקן, נאר מען קומט מיט א הייליגע שטאלצקייט, און אנטשלאסנקייט, מיט א פעסטקייט אן קיין שום שרעק, און מען זאגט "מיר זענען גרייט זיך אויסצוקומען און מאכן א פשרה צו באצאלן די חובות צוביסלעכווייז אביסל אויף א מאל, ווייל מיר האבן נישט יעצט קיין געלט", און מען זאגט דאס מיט א שטארקייט און א פעסטקייט, דעמאלט האט מען בכלל נישט וואס מורא צו האבן און ציטערן.

דאס זעלבע איז אויב עס פאסירט עפעס אין א מענטשנ׳ס הויז אז ער האט עפעס א צער און עגמת נפש, סיי פון זיין ווייב אז ער האט נישט קיין שלום בית און זיין גאנצע הויז איז איבערגעקערט, ס׳איז ממש א גיהנום פון די אלע געשרייען און קריגערייען.

סיי אז ער האט צרות פון זיינע קינדער וואס ווילן נישט פאלגן, און טוען אלעס פונקט פארקערט פון וואס ער וויל, און ס׳איז אים זייער שלעכט און ביטער דאס לעבן.

סיי ווען ס׳איז אים זייער ביטער פון דרויסנ׳דיגע מענטשן.

די אלע זאכן טארן בכלל נישט גורם זיין אז א מענטש זאל ווערן געפאלן ביי זיך, נאר פארקערט דער מענטש דארף זיך נעמען אין די הענט אריין און זאגן "**וואס גייט מיר אן פון די גאנצע וועלט, איך גיי אנטלויפן נאר צום אייבערשטן, און זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן, און וואס דער אייבערשטער וועט וועלן אזוי זאל זיין**".

## נאר אמונה! נאר אמונה!

מיינע טייערע זון און טעכטער! ווי מער איר וועט אריינגעמען אין זיך די הייליגע אמונה, צו וויסן אז עס איז גארנישט דא אויסער דער אייבערשטער, ווי מער איר וועט חזר׳ן צו זיך אליין 'אמונה' און טראכטן: **וואס גייט מיר אן אז איך גיי דורך פארשידענע שוועריקייטן אין לעבן, איך געב זיך איבער אינגאנצן צום אייבערשטן'!** וועט איר זען אז די גאנצע זאך פון וועלן מאכן אן ענדע צו די לעבן, איז נאר א דמיון און איינרעדעניש, וואס דער מענטש מיינט אז דורכדעם וועט ער אנטלויפן און זיך ראטעווען פון זיינע צרות.

טְרַאכְטְן זִיךְ צוּ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט מֶער וִוי אַ מְשׁוּגַעַת, אַ שְׁטוּת, וַוייל סוֹף כָּל סוֹף דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּרִיק אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְמֵילָא אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אוּן דוּרְכְדֶעם נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא?! בֶּעסֶער גֶעבּ זִיךְ אַוֶועק דַיין לֶעבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מַאךְ לֶעכְטִיג דַיין נְשָׁמָה מִיט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן זֵייעֶר נִידְרִיג, אוּן אִיז זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן, וִוי אוֹיךְ אִיז עֶר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט וָואס עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת אוּן זִינְד, אִיז וָואס אִיז? דֶער עִיקָר אִיז נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת, דֶערְצֵיילְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְ׳ן אוּן זָאגְן צוּ אִים: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק פַארְלֵייגְט אוֹיף מִיר, סְ׳אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ בַּאזִיגְן״.**

אַז אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דוּרְכְדֶעם שַׁיינֶען אוֹיף אַייךְ דִי לֶעכְטִיגֶע שְׁכִינָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק סוֹף כָּל סוֹף מוֹחֵל זַיין.

## אַ סוף צו די נאַרישע לעבן שטייגער

פאַרוואס זאָלט איר מאַכן אַ סוף צו אייער לעבן?! בעסער מאַכט אַ סוף צו די 'נאַרישע לעבן שטייגער', וואס איר האָט זיך אײַנגעוואוינט צו לעבן אָן דעם אייבערשטן.

'אַנטלויפט נאָר צום אייבערשטן' וועט עטץ אָנהייבן שפּירן די זיסע געשמאַקע טעם פון דעם הייליגן באַשעפער, איר וועט שפּירן די לעכטיגע שיין פון די שכינה וואס וועט רוען ביי אייך.

שטענדיג זאָלט איר וויסן אַז אַ מענטש ווייסט גאָרנישט. ווייל די אמת איז טאַקע אַזוי, אַז אַ מענטש הייבט נישט אָן צו וויסן וואס הייסט 'דערהויבן' און וואס הייסט 'נידריג', ווייל אַסאך מאָל ווען אַ מענטש טראַכט אַז ער איז יעצט 'דערהויבן' איז ער דעמאָלטס באמת 'נידריג'. און די זעלבע זאך פאַרקערט. די עיקר איז, נאָר זיך ציען צום אייבערשטן, און טאַקע דעמאָלטס וועט איר זוכה זיין צו זיין אמת'דיג 'דערהויבן', און גיין העכער און העכער, אַז גאָרנישט אויף דער וועלט וועט עס נישט קענען צוברעכן.

זעהט מיינע טייערע זון און טעכטער אַריינצונעמען מיינע ווערטער אין האַרץ אַריין, אַפילו איר זעהט אַז מענטשן פאַרשטייען דאס

נישט און ס׳איז שווער דאס מסביר צו זיין פאר א מענטש, אז ער זאל וויסן אז ׳אלעס איז דער אייבערשטער׳, ווייל ווילאנג א מענטש לעבט נאך דא אויף דער וועלט, בשעת מעשה ווען ס׳גייט אים דורך צרות יסורים און ביטערניש, ער פאלט אראפ, און גייט דורך שווערע צייטן, און ליידט וואס ער ליידט, איז אים זייער שווער צו פארשטיין אז אלעס איז פון די אייבערשטער פאר זיין גוט׳ס.

אויב א מענטש נעמט אבער אריין אין זיך די אמונה, ער גלייבט אז ס׳איז נאר דא איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט, ער האט גארנישט אין זיין לעבן נאר די אייבערשטער. און ער נעמט אן מיט ליבשאפט אלעס וואס עס פאסירט מיט אים, ער שווייגט און באקלאגט זיך נישט פארוואס עס גייט אים שווער. און געוואוינט זיך צו, צו שמועסן מיטן אייבערשטן, און זיך אויסרעדן צו אים אלעס. דעמאלטס זעט ער אז די לעבן פון א מענטש איז גארנישט מיט נישט, נאר לופט. אט זענען מיר דא, און נאך אביסל גייט מען שוין ארויס פון דא, צי מען וויל יא, צי מען וויל נישט. מיר געפונען זיך נאר אין די הענט פון דעם אייבערשטן. ממילא אויב אזוי פארוואס זאל מען זיך נעמען דאס לעבן?! בעסער איז נאר צו אנטלויפן צום אייבערשטן, אזוי וועט דער מענטש

זוכה זיין צו מאכן לייכטן אויף זיך די געשמאקע זיסע לעכטיקייט פון דעם אייבערשטן, ער וועט אנהייבן שפירן דעם אייבערשטן, ער וועט לעבן אן אמת׳ע לעבן, אן אייביגע לעבן, ער וועט האבן אזא געשמאקע זיסע לעבן וואס ער האט נאך קיינמאל פריער נישט געהאט.

וואויל פאר א מענטש וואס לאזט זיך בכלל נישט נארן, און נעמט אריין אין זיך צו פאלגן די גוטע עצות און לימודים, אפילו ס׳זעט אים אויס ווי פשוטע זאכן; ווייל די עצות טוישן די לעבן פון א מענטש צו א זיס לעבן.

א מענטש וויל זוכה זיין אנצוקומען צו גרויסע מדריגות און השגות, ער וויל זיין רייך, ער וויל אלע סארט זאכן, און אז ס׳גייט אים נישט ווערט ער איינגאנצן צובראכן. אבער אויב א מענטש אנטלויפט נאר צום אייבערשטן, און זעט איין פאר א פאקט אז ער האט נישט קיינעם אויף דער וועלט נאר דעם באשעפער, וועט ער זוכה זיין אדורכצוגיין גרינגערהייט אלע זיינע שוועריקייטן אין לעבן, וויבאלד ער איז זיך איינגאנצן מבטל צום אייבערשטן. וואויל פאר דער וואס איז זוכה צו לעבן מיטן אייבערשטן, וועט אים א גאנץ לעבן אייביג גוט זיין!

**תם ונשלם שבח לא-ל בורא עולם!**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א
וזוגתו
## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם
## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,
## רחל לאה, יוסף, מנחם,
## יחזקאל, מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

סוֹד יְ״יָ לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם

זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע תִּיקוּן, צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע סָארְט עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט 'פְּגַם הַבְּרִית' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

וְוִי אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים, בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת, וואוֹיל פַאר דֶער וָואס וֶועט דָאס זָאגְן יֶעדְן טָאג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ רַבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זי״ע הָאט דָאס מְיַסֵד גֶעוֶוען מְתַקֵן גֶעוֶוען אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט, אוּן אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל דָאס מְפַרְסֵם זַיין פַאר אַלֶע אִידְן.

עֶס אִיז גוּט דָאס צוּ זָאגְן פַאר מֶען זָאגְט דִי צֶען קַפִּיטְלֶעךְ:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ. וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר. קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה. וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַייָ, נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה, בִּזְמִרוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵ-ל גָּדוֹל יְיָ, וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱ-לֹהִים:

פַאר מֶען הֵייבְּט אָן תְּהִלִּים זָאגְט מֶען דָאס:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי, לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ, עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז

מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵ-ל כִּי חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַייָ אֲ-דֹנָי אָתָּה טוֹבָתִי בַּל עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ בַּל אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם וּבַל אֶשָּׂא אֶת שְׁמוֹתָם עַל שְׂפָתָי: יְיָ מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ לִי בַּנְּעִמִים אַף נַחֲלַת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת יְיָ אֲשֶׁר יְעָצָנִי אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְיָ לְנֶגְדִּי תָמִיד כִּי מִימִינִי בַּל אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי אַף בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל לֹא תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב

לְדָוִד מַשְׂכִּיל אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי אָדָם לֹא יַחְשֹׁב יְיָ לוֹ עָוֹן וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי בְּשַׁאֲגָתִי כָּל הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי לֹא כִסִּיתִי אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַייָ וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּייָ חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַייָ וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל יִשְׁרֵי לֵב:

## מא

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְיָ: יְיָ יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְיָ יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי אָמַרְתִּי יְיָ חָנֵּנִי רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם בָּא לִרְאוֹת שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ יִקְבָּץ אָוֶן לוֹ יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל שֹׂנְאָי עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא יוֹסִיף לָקוּם: גַּם אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר בָּטַחְתִּי בוֹ אוֹכֵל לַחְמִי

---

*) נאך די ווערטער: אַתָּה סֵתֶר לִי – דארף מען מפסיק זיין אביסל.
(עיין בלקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רי"ג)

הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְיָ חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְיָ אֱ-לֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

## מב

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל אֲפִיקֵי מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱ-לֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵא-לֹהִים לְאֵ-ל חָי מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱ-לֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱ-לֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ אֶדַּדֵּם עַד בֵּית אֱ-לֹהִים בְּקוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג: מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵא-לֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱ-לֹהַי עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן וְחֶרְמוֹנִים מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְיָ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵ-ל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי לָמָּה קֹדֵר אֵלֵךְ בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱ-לֹהֶיךָ: מַה תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵא-לֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵא-לֹהָי:

## נט

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱ-לֹהָי

מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא פִשְׁעִי וְלֹא חַטָּאתִי יְיָ: בְּלִי עָוֹן יְרוּצוּן וְיִכּוֹנָנוּ עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְיָ אֱ-לֹהִים צְ-בָאוֹת אֱ-לֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל הַגּוֹיִם אַל תָּחֹן כָּל בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְיָ תִּשְׂחַק לָמוֹ תִּלְעַג לְכָל גּוֹיִם: עֻזּוֹ אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה כִּי אֱ-לֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱ-לֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱ-לֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל תַּהַרְגֵם פֶּן יִשְׁכְּחוּ עַמִּי הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲ-דֹנָי: חַטַּאת פִּימוֹ דְּבַר שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי אֱ-לֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל אִם לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה כִּי אֱ-לֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱ-לֹהֵי חַסְדִּי:

## עז

לַמְנַצֵּחַ עַל יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי* אֶל אֱ-לֹהִים וְאֶצְעָקָה קוֹלִי אֶל אֱ-לֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲ-דֹנָי דָּרָשְׁתִּי יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱ-לֹהִים וְאֶהֱמָיָה אָשִׂיחָה וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ

*) ווען דו זאגסט ׳אל אלהים׳ זאלסטו אינזין האבן די אותיות: ״אל״ף למ״ד אל״ף למ״ד ה״י יו״ד מ״ם״

שְׁמֻרוֹת עֵינָי נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲ-דֹנָי וְלֹא יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵ-ל אִם קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָ-הּ כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱ-לֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ מִי אֵ-ל גָּדוֹל כֵּא-לֹהִים: אַתָּה הָאֵ-ל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱ-לֹהִים רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים אַף חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱ-לֹהִים אֲ-דֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל וּמֵעוֹלָם עַד עוֹלָם אַתָּה אֵ-ל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּה עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ: כִּי כָל יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל

וָאָוֶן כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְיָ עַד מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲ-דֹנָי אֱ-לֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

## קה

הוֹדוּ לַיְיָ קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְיָ: דִּרְשׁוּ יְיָ וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְיָ אֱ-לֹהֵינוּ בְּכָל הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְיָ צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב

גָּר בְּאֶרֶץ חָם: וַיֶּפֶר אֶת עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל עֵשֶׂב בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם רֵאשִׁית לְכָל אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת דְּבַר קָדְשׁוֹ אֶת אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ הַלְלוּיָ-הּ:

# קלז

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי שִׁיר וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת שִׁיר יְיָ עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי אִם לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְיָ לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם

הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם לָךְ אֶת גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

## קנ

הַלְלוּיָ-הּ הַלְלוּ אֵ-ל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעוּגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָ-הּ הַלְלוּיָ-הּ:

**נָאכְן עֶנְדִיגְן זָאגְן דִי תִּקּוּן הַכְּלָלִי, זָאג דִי דְרֵיי פְּסוּקִים:**

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְיָ שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְיָ מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְיָ וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: